**בס"ד. משיחת יו"ד שבט ה'תשמ"ג.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

און אָט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די **דינגעניש**, אַז מ'האָט אָנגעהויבן שטודירן די חוקים – די געזעצן – **מלמטה למעלה**, און אָנגהויבן שטודירן די חוקים אָן דער "נשמה" זייערע, מערניט [ווי] נעמענדיק דעם אָפּטייטש פון "טויטע" אותיות, ניט אַריינטראַכטנדיק זיך אין דעם "רוח", וואָס איז געווען דערביי דער געדאַנק, פאַרוואָס מ'האָט אַרויסגעשטעלט דעם געזעץ אין אַזאַ אופן –

איז כאמור לעיל, באַטראַכטנדיק זיך דעם לעצטן שלב פון דעם חוק, און באַטראַכטנדיק] דעם שלב אַלס אַ "טויטע" זאַך, ניט טראַכטנדיק אין דעם "רוח" און אין דער "נשמה" פאַרוואָס מ'האָט אַזוי געשריבן,

האָט מען זיך **צוגעטשעפּעט**, אַז ווייבאַלד אַז מ'וועט נעמען די ווערטער, "טויטע" ווערטער, אַז מ'דאַרף אָפּטיילן דת פון ממשלה, במילא אויך פון **חינוך** פון ממשלה – איז ניט נוגע צו וויסן וואָס דער **פשט** דערפון איז,

און מ'פאַרבינדט דאָס, (אַז דאָס איז געווען) אַז דאָס איז דער מיין פון דעם געזעץ און דאָס איז געווען די כוונה – בשעת אַלע ווייסן אַ דבר ברור, אַז אַזוי ווי די וואָס זיינען געקומען אין דער לאַנד האָבן געדאַרפט **אַנטלויפן**,

דערפאַר וואָס מ'האָט זיי ניט געלאָזט דינען דעם אויבערשטן ווי באַ זיי איז אויסגעקומען – איז, כדי זיי זאָלן קענען דינען דעם אויבערשטן ווי באַ זיי קומט אויס, אָן קיינע מניעות ועיכובים – האָבן זיי דאָס באַוואָרנט דורך דערויף, אַז די ממשלה טאָר זיך ניט **אַריינמישן** אין זייער דינען דעם אויבערשט, אָבער ניט חס ושלום **מלחמה האָבן** אַנטקעגן דת און אַנטקעגן דעם אויבערשטן!

און מ'האָט געמאַכט פון די ווערטער – "טויטע" ווערטער, אָן דעם "ספּיריט", אָן זייער "נשמה", ניט טראַכטנדיק וואָס ס'איז געווען די כוונה,

און פונקט אַזוי ווי זיי זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן דערפאַר וואָס מ'האָט ניט צוגעלאָזט זיי דינען דעם אויבערשטן ווי באַ זיי קומט-אויס – אַזוי וויל מען רחמנא ליצלן איינפירן און אין אַ דעמאָקראַטישע מדינה, וואָס יעדערער זאָל זיך לאָזן פירן, ובפרט נאָך דינען דעם אויבערשטן, וואָס דאָס איז דאָך אַ נשמה-זאַך און אַן עיקר'דיקע זאַך – וויל מען אַריינשטעלן אין געזעץ, **אַז מ'טאָר ניט אַריינלאָזן דערמאָנען דעם אויבערשטנ'ס נאָמען אין אַ בית-הספר**, ווייבאַלד אַז דאָרט האָט די דיעה די ממשלה, מיט די אַלע תוצאות וואָס קומען דערפון אַרויס.

דאָס הייסט אין אַנדערע ווערטער, אַז בשעת ס'איז דאָ עלטערן וואָס ווילן, אַז זייער קינד זאָל **קענען** דערמאָנען דעם אויבערשטן, ניט נאָר ווען אַ צווייטער **ערלויבט** אים, נאָר זאָל גאָר ניט זיין קיין מעגלעכקייט, אַז זיין טיטשער און זיין פּרינסיפּל זאָל אים זאָגן, אַז דאָ טאָרסטו ניט דערמאָנען דעם אויבערשטן –

וואָס דערפון זיינען זיי דעמאָלט אַנטלאָפן! און דערפאַר האָבן זיי דאָס אַריינגעשטעלט – כדי דאָס צו באַוואָרענען – אין דער קאָנסטיטושאָן.

און מ'פירט דאָס דורך, און מ'האָט **מלחמה** דערפאַר, און מ'וויל דאָס אָנטאָן, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט **חירות** –

דאָס איז די גרעסטע **עבדות** און די גרעסטע רדיפות וואָס ס'קען זיין אויף דת, דורך דערויף וואָס מ'פירט-



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בא

איין אָט די הנהגה ווי ס׳איז ביז איצטער, רח״ל, און מ׳טוט דאָס אָן אין אַ מאַנטל, אַז אין דערויף באַשטייט דעמאָקראַטיע און אין דערויף באַשטייט קאָנסטיטוציע – דער היפך פון די כוונה און פון דער ״נשמה״ מיטן מיינונג פון די וואָס האָבן דאָס אַריינגעשריבן אין דער קאָנסטיטושאָן.

וכאמור, בשעת מ׳גייט **מלמטה למעלה**, און מ׳באַגנוגנט זיך און מ׳בלייבט **שטעקן** למטה – נעמט מען די אותיות און די ווערטער וואָס זיינען געשריבן אין ספר החוקים, און מ׳וואַרפט פון זיי אַרויס די ״נשמה״ און די **כוונה** זייערע, און מ׳טייטשט זיי אָפּ אין אַ **היפך** פון דער ״נשמה״,

ובכלל איז די גאַנצע זאַך ״ניט רעלעוואַנט״, ווי מ׳זאָגט דאָ:

די קאָנסטיטושאָן איז געמאַכט געוואָרן, ווי ס׳שטייט פון סדר ה... – – בשעת איך האָב געדאַרפט באַקומען די ״סיטיזענשיפּ״ האָט מען מיר געהייסן, אַז איך מוז דאָס אויך אויס׳חזר׳ן, אַז די קאָנסטיטושאָן איז געמאַכט געוואָרן ״**דורכ׳ן פאָלק לטובת** פון דעם פאָלק״! By the people, for the people.

אָט דאָס וואָס ס׳איז געווען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, בשעת מ׳טראַכט וועגן די יוגנט פון היינטיקן יאָר אין די איצטיקע פלעצער – דאַרף מען לכל לראש טראַכטן, און זיך מתבונן זיין אליבא דנפשי׳״: וואָס איז גוט ״פאָר דהי פיפּל״!

און מ׳האָט געזען בפועל, אַז די קינדער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן ניט וויסנדיק וועגן דעם אויבערשטן, ניט זייענדיק מתפלל אפילו מזמן לזמן, און מ׳גיט אַ קוק די אחוזים, דער פּערסענטעדזש, וואָס איז דאָ פון צווישן זיי וואָס (זיין) פירן זיך ניט אויף בדרך הישר; מ׳פאַרגלייכט דאָס מיט די קינדער וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אין בתי-ספר וואָס מ׳האָט יאָ געלערנט וועגן דעם אויבערשטן, און אין הייזער וואָס מ׳האָט **אָנגעזאָגט** וועגן דעם אויבערשטן –

איז אף על פי וואָס דאָרטן טרעפט זיך אויך אַמאָל, וואָרום דער יצר הרע איז ״אומן באומנתו״, קען ער זיך איינקערן – ס׳איז אָבער **שלא בערך** די אחוזים פון ״דעליקווענסי״, פון דעם **דוכפאַל** (אין הנהגה) אין אַ מענטשליכע הנהגה, פון די וואָס האָבן געלערנט אין בתי-ספר **פּאָרקיעל סקול** – לגבי די וואָס האָבן געלערנט אין בתי-ספר וואו מ׳טאָר ניט דערמאָנען דעם אויבערשטן, על אחת כמה וכמה ניט מתפלל זיין צו אים.

וכאמור – דער חילוק איז **שלא בערך**!

און וויבאַלד אַז מ׳זעט דאָס בעיני בשר און אין איינפאַכע סטאַטיסטיקע, איז בכלל אינגאַנצן ניט נוגע דאָס וואָס ס׳איז געווען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק,

איז אפילו ווען ס׳וואָלט **געשטאַנען** אין קאָנסטיטוציע פאַרקערט, האָט מען דאָס אויך געדאַרפט משנה זיין, וואָרום די קאָנסטיטוציע אַליין איז געמאַכט געוואָרן אין אַן אופן, אַז מ׳זאָל קענען מאַכן ״אַמענדמענט׳ס״ – תיקונים – לויט די צרכי המקום והזמן.

על אחת כמה וכמה, ווי דערמאָנט פריער, אַז די קאָנסטיטוציע ווי זי איז אַ ״**לעבעדיקע**״, איז ניט נאָר זי איז ניט **אַנטקעגן** – רח״ל – דעם אויבערשטן, ניט נאָר זי **טרייבט ניט אַרויס** – רח״ל – דעם אויבערשטן פון וואָס פאַר אַ בילדינג ס׳זאָל ניט זיין; ס׳איז די גאַנצע זאַך איז געשריבן געוואָרן – כדי צו באַוואָרענען מ׳זאָל קענען דערמאָנען דעם אויבערשטן **וואו** מ׳וויל און ווי **אַזוי** מ׳וויל.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.